פולע טאבעל־ע פון דער מלוכה=לאטעריע זעה ־טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 20 גראשען.

## היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| № 78 | Łódź, Wtorek 1 kwietnia 1930. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג, ג׳ ניסן תר״ץ | № 78 |

Adres Redakcji i Administracji: **Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.** | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224=71

**Wszystkim tym, którzy oddali ostatnią posługę nieodżałowanemu**

# B. P.

# MAKSYMILJANOWI JAKUBOWICZOWI

## Prez. Zarządu i Założycielowi firmy

## „Przemysł drzewny Maksymiljan Jakubowicz" Sp. Akc.

**a w szczególności Zarządowi Szkoły Głuchoniem. „EZRAS ILMYM", Zarządowi SYNAGOGI przy ul. Zachodniej, oraz Zarządowi Pogotowia Ratunkowego „LINAS HACEDEK" składamy z głębi serca p ynące „B ó g z a p ł a ć"**

# RODZINA.

# צו דער עפענטליכקייט!

צוליב דער לעצטער אונפעראנטווארטליכער העצע פון די אזוי-גערופענע חברת „כרמל" אין ווארשא, אויף דער ארץ-ישראל׳דיגער וועלט-פירמע פון **ווילן און קאניאקען**

# „כרמל=אריגינאל"

## (אינהאבער ש. פרידמאן און זעהנע)

בעת וועלכער די פערזאנען האבען זיך שוין ערלויבט צו בענוצען דעם אויסדרוק פאלסיפיקאט, זענען מיר געצוואונגען צו ערקלערען פאלגענדעס:

1) „כרמל=אריגינאל", וועלכע עקזיסטירט זייט יאהר 1889, איז די ערשטע און עלטסטע ווייַן=פירמע אין ארץ-ישראל. די ווייַנען פון דער פירמע זענען פערשפרייט איבער דער גאנצער וועלט מיט דער וועלבער אריגינעלער שוץ=מארקע און עטיקעטען. דאס אנרופען אונזער אלט=עקזיסטירענדע 42=יעהריגע מארקע אלס פאלסיפיקאט איז דערפאר א ג׳אונערהערטער בלבול און חוצפה פון אונפעראנטווארטליכע פערזאנען.

2) בנוגע די דראהונגען פון ווארשעווער „כרמל" אויפ׳ן אדרעס פון די ה״ה ווייַן=סוחרים ערקלערען מיר, אז מיר נעמען אויף זיך די פאלשטענדיגע פעראנטווארטליכקייט פאר אלע כלומרשט-יורידישע „קאנסעקווענצען", אגב איז דער פאקט א פערקערטער, נישט בלויז וואס מיר האבען נישט ברעה זיך צו בענוצען מיט׳ן נאמען פון ווארשעווער „כרמל" נאר מיר מאכען אויפמערקזאם אונזערע ג״ה סוחרים און קאנסומענטען דורכאויס אכט צו דעגען אויף דער מארקע „כרמל=אריגינאל" וועלכער איז דער אמת=ריכטיגער, גוטער און כשר׳ער ארץ=ישראל=ווייַן.

3) מיר בעטען די ג״ה סוחרים און קאנסומענטען צו פערגלייכען אונזערע ווייַנען און קאניאקען „כרמל=אריגינאל" מיט די אלע איבריגע רעקלאמירטע ארץ-ישראל-ווייַנען און דאמאלסט וועט זיך יעדער איבערצייגען, ווי אזוי אריגינעלער ארץ-ישראל-ווייַן זעהט אויס און פאר א׳עמען וועט קלאר ווערען די ריכטיגע סבה פון דער שרעק ביי אונזערע קאנקורענטען, אז אונזער ווייַנען זאלען פערשפרייט ווערען אין פוילען. צו דעם צוועק שיקען מיר ארויס אויף יעדער טעלעגראפישער און בריפליכע ווענדונגען איינגאנצען בחנם אלס פראבע-מוסטערן פון אלע סארטען ווייַנען „כרמל=אריגינאל".

4) בנוגע דאס אריינמישען מיין פערזענליכען נאמען אין צוזאמענהאנג מיט עפעס פאלסיפיקאטען, האלט איך נידריגער פון מיין כבוד מיט די פערזאנען צו פאלעמיזירען, איך ווארען אבער אויף להבא צו זיין מיט זאלכעס זעהר פארזיכטיג.

מיט אכטונג

**הויפט=פערקויף פון ארץ=ישראל׳דיגע ווייַנען, קאניאקען „כרמל=אריגינאל"**

## בונם אלטר, ווארשא, נאלעווקי 21.

## ברוך הבא! לאדזער מאשין=מצות

— די בעליבטע ערשטע —

### זענען ווידער דא!

דערמיט קענען מיר אנזאגען דער לאדזער בעפעלקערונג די פרעהליכע בשורה, אז די פעראייניגטע לאדזער בעקער=גרופע

### אויף אל. קאשציושקי 11, טעל. 141=08

האבען שוין אנגעהויבען צו באקען די גוט=בעקאנטע

# מאשין=מצות

פון I טער סארט מעהל אונטער דער השגחה פון הרב מזדונסקא וואליא אונטער דער שטרענגער השגחה פון 2 אבער-משגיחים.

די לאדזער בעפעלקערונג ווערט געבעטען וואס פריהער צו בעשטעלען, כדי מיר זאלען קענען אלעמען צופרידענצושטעלן.

מיט אכטונג

**די פעראיינ. בעקער=גרופע פון די ערשטע מאשין-מצות**

**אין לאדז, אל. קאשטשושקי 11, טעל. 141-08.**

בעמערקונג: די מצות ווערען צוגעשטעלט דער ג׳ קונדשאפט אהיים.

# 1 דאלאר פאר יעדע לעבעדיגע וואנץ

וואס וועט געפונען ווערען נאך א דורכגעפיהרטער דעזינפעקציע מיט׳ן פרעפאראט

## „FUMIGATORE-CIMEX"

### וועלען מיר צאהלען אין מזומן.

דער פרעפאראט איז דער איינציגער אנערקענטער דורך דעם געזונדהייטס-דעפארטאמענט ביים אינערן-מיניסטעריום אלס דעזינפעקציאנס-מיטעל געגען יעדער ארט אינסעקטען און הויפטזעכליך געגען די באקטעריעס פון דיפטעריט און בויך-טיפוס. צו בעקומען אין אלע אפטייקען און סקלאד-אפטעקעס.

**Zakłady Chemiczno-Dezynfekcyjne**

## „SALVATOR", Katowice.

Zastępstwo na wojew. Łódzkie:

**Inż. JULJUSZ HAMER i S-ka**

**6-go Sierpnia 1.** Telefon 188-58.

# אויפפאדערונג!

**דער לאדזער יוד. פליישער-פעראיין פעטריקאווער 24 פאדערט אויף אלע פלייש=העקערס — מיטגלידער און נישט-מיטגלידער צו קומען היינט, 7 אזג. אין פעראיין**

# וועגען הכשרים.

אנ׳ערשטקלאסיגע

# רעק-ב״יערין

ווערט פון זאפארט געזוכט ביי דער פירמע

**מ. רוביז, 64 פיעטריקאווער 64.**

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען אין קאטאוויץ געשטארבען און דעמזעלבען טאג צו קבורה געקומען אונזער היישגעליבטער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גרויספאטער, שוואגער, ברודער און אנקעל

# ב״ע משה רובינאוויטש

אין עלטער פון 65 יאהר, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

